# דער
# אפיצירסקיר מונדער
## אדער
## חתן אונ כלה אין איינער אונ דער זעלביגע פערזאן:

דער צו נאך איינע וואונדערליבע בעשרייבונג פון דער שילדקרעטע אדער צערפאחע.

### מאת אמ״ד.


ווילנא

בדפוס והוצאת האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ז לפ״ק


---

ДЕРЪ ОФИЦЕРСКЕРЪ МУНДИРЪ

т. е.

I повѣсть и II описанія черепахи

А. М. Дика.


ВИЛЬНА.

Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ № № 327 и 328.
1877.

Harvard College Library
Gift of
LEO WIENER,
Nov. 16, 1898.

Дозволено цензурою 9 Февраля 1877 г. Вильна.

## 1.

### ר׳ יקותיאל נעהם איין רייכער בעזדזעטניק.

LACK

מען קען אנדערש ניט זאגין דאס אלעבין אן קינדער איז איין וויסטעס לעבען. עס איז אים (אזוי אלעבען) צוא פערגלייבען צו איין וועג וואס פירט צו קיין ציל. אונ וואס מער מען איז רייכער אונ פארנעהמער איז דאס לעבען אלץ מער טרויעריגער אונ טריבער. ערסטענס ווייל מען האט גינוג מיטעל אין האנד צו טאן וואס גוטעס מיט קינדער אונ מען האט קיין קינד. דען דיא וואהרע פריידע פון איינעם פאמיליען בונד וואס קריסטען גענימען עס מיט אפולען מאס, איז אונז אידין גאנץ פערזאגט (אפגעזאגט). דען ביא זייא ווען איינער איז אן קינדער נעמט ער אן פאר אקינד אברודערס זון אדער אטאכטער. אונ פרייעט זיך מיט אים וויא מיט איין איינענעם זון. אדער וויא מיט איינער איינענע טאכטער. נאך כעהר מאנכע פון זייא פערהייראטהען זיך גאר ניט לכתחלה נור אויס דעם גרונד ווייל ער האט ליב בעקומען דאס קינד פון זיינעם עלטערען ברודער וואס האט שוין לאנג זיך פערהייראטהעט. דיזער פאל איז ביא אונז ניט. אלעס וואס לעבט ביא אונז צו ארעם צו רייך פערשאפט זיך וויא נור מעגליך איין אסאבענעם נאכלעדניק. אונ ווען ער קען עס ניט בעווייזען. דאס הייסט ווען ער בלייבט איין בעזדזעטניק. דאן טוט מען אויך ניט דיזען איידעלען שריט אויס צו וויילען נאך פאר דעם לעבין איין יורש פון איינענער פאמיליע. דען על פי רוב זיינען ביא אונז

the example of the Gentiles

a fitting successor

אונז ברידער אונ שוועסטער דיא גרעסטע שונאים צווישען זיך*) :
צווייטענס ווייל הונדערטע מענטשען ווארטען אויף זיין
טויט . קרובים נאהענטע אונ ווייטע. געפאלענע בעלי בתים וואס
האבין גיליען ביי אים גמילות חסדים אויף משכנות דאס מען זאל
עס זייא ארויס געבין נאך זיינעם טויט אומזיסט . עס ווארט
אחברה קדישא מיט איר גאנצען אנהאנג (האלאסטרע) . עס
ווארטען גבאים פון אנדערע קליינע חברות אויף זיין טויט אין
דער מיינונג דאס ער וועט געווים אפ זאגין אויף זייערע
קלייזעלעך דען ער איז דאך איינגעשריבין פאר אחברה מאן ביי
זייא . עס ווארטען ספרנים אונ זאגערס . אונ גלאט אנאנצע
נרייא בעטלער וויא דיא רויב פייגעלעך אויף איינעם טויטע
וואלפיש וואס דארף היינט מארגען צו שווימען צום ברעג . קורץ
געזאגט ער לעבט צו לאנג פאר יעדען בעזונדער : אם לייננסטע
אבער לעבט ער פאר דער וואקסענע מודען פון ארעמע קרובים
וואס דיא עלטערען זייערע שאצען זייא אין דיא ירושה וואס
זייא וועלין פון אים נעמען פאר נדן . אונ שוין מע
אלס אין מאל האב איך גיהערט וויא אזעלכע שווערכשטא
כלות זאגען «דער שווארץ יאר וויים אונזער סקארע באהא
דאס עס נעמט קיינע ענדע מיט אים . ער לעבט הונדערט יארין
אונ אם ענדע שטארבט אזוי איינער על פי רוב נאר א
אצואה . דען וויא מיר אידען דיינקען אויך פיל מער פון יענע
לעבען אלס פון דיזען לעבען . זיינען מיר פיל מער אבנישראל
פאר

*) איך וואר אמאל אויף אשמחה ביי איינעם רייכען מא
עס וואר דאן אהין געלאדען דיא גאנצע געזעלשאפט אונזע
עס האט נור איינער פון איר גיפעלט , אונ אלס מען האט
גיפרעגט ווארום איז גראדע יענער ניט גיקומען . ווייל ער
דעם בעל שמחה אשוואגער . האב איך גיענטפערט , אונ
האט שוין דיזע פראגע ניט גימאכט צום צווייטען מאל :



פאר דעם טויט. אלס אנדערע נאציאנען וואס פערגעסען זיך גיט
אן טויט זעלבסט אין בעסטען לעבען פערפערטיגען זייער
טעסטאמענט (צואה) זעלבסט אין זייער יוגענד . אונ בעסערען
אים אויס יאר פיר יאר . אונ עס זאל נאך זייער טויט קיינע
קלוטנעס זיין . קיינע פראצעסען צווישען דיא יורשים . וואס
דיזעס געשיהעט אימער ביי אונז יודען דאס מען פערקריגט
דיא גאנצע ירושה צו זאמען נאך מיט איינעגע קאפיטאלען .
אונ על פי רוב בעווייזט נאך איינער פון דיא יורשים גאר איין
אונטער געשאבענם (פאלשען) טעסטאמענט נאך דעם טויט פון
אבעזרזעטניק . אונ הונדערטע יורשים ליגען זיך אין דיא האר
(קריגען זיך) זייער גאנצעם לעבען אוועק :
אזוי איינער וואר איין געוויסער יקותיאל נעהעס . איין
רייכער בעזדזעטניק וואס האט גילעבט מיט איאר דרייסיג צוריק
אין קיעוו . ער וואר שוין אזוי גאר גאנץ רייף (צייטיג) צום
גראב . אונ וואר נאך גאנץ לעבענס לוסטיג . דאס ער
האט איינע צווייטע געהייראטהעט אום צו דער לעבען נאך
איין יורש פאר זיין טויט . אונ וואר דאהער העכסט פערדריסליך
אלס מען האט אים צו געוואונצען ביי זייער לעצטע שבעה
וואס ער איז גיזעסען נאך זיין לעצטען ברודער . דאס ער זאל
שוין מער קיינע שבעה זיצען . דען ער האט גיוואלט נאך איבער
לעבין זיינע פרויא וואס וואר פיל אינגער פאר אים . דער טויט
אבער פירט גאנץ אנדערע רעבונקעס מיט אונז מענטשען .
מאנכער יונגער מאן ווערט ביי אים פיל פריהער צייטיגער אלס
איין אלטער מאן . מאנכער שטארבט נאך אלס קינד איין מענטש
אין מיטעלע יארען פיל פריער אלס איין גרייז . אונ בפרט נאך
איין עלטערער פר איין אינגערען וויא דער פאל וואר דא דאס ער
וואר פיל עלטער פאר זיינע פרויא . אונ איז אלזוי אפ גערופען
געווארין פון דער לעבענס שצענע פיל פריהער אלס זיין ווייב :
גאנצע פיר וואכען האט ער זיך געראנגעלט מיטען מלאך
המות

המות (דאס הייסט שטארק קראנק גיוועזן) אונ ביא אלעם דעם האט ער אם מינדעסטען ניט געדיינקט פון שטארבען. האט ניט אנגראבין צדקה גינעבין אינ קיין צואה גישריבין. אונ אויס בעזארגנים דאס עס זאל אים ווער פון דיא פני העיר אדער איינער פון זיינע קרובים זאלין אים ניט אן מוטהען דער צו האט ער קיינעם ניט צו גילאזין צו זיך לבד איינע פון זיינע צוויא פלעמעניצעס. איינע גוויסע אלישבע אברודערס אטאכטער וואס האט גיוואוינט אין קיעוו אונ וואס וואר אים העכסט בעליבט. זיא וואר דיא איינציגע וואס וואר דיא גאנצע פיר וואכען אום זיין קראנקען. בעט דען מיט דער פרויא זיינע האט ער קיין גוטעס לעבין געפירט. דיא גאנצע פיר וואכען וואר דיא גאנצע שטאט אין פולער ערוואַרטונג. נאך מער זיינע קרובים וואס ווארען דארט אין שטאט מער אלס איין פאר דוצענד. אום צו דער הארען מיט וואס וועט זיך דיא קראנקייט ענדען. אונ נאך מער אין דער לעצטע וואך אלס עס וואר שוין מער אלס געוויס דאס ער שטארבט. אינ עס איז דיזעס ניט צו פערדיינקען זייא. דען עס האט זיך יעדען בעזונדער גיוואלט וויסען שוין וואס ער וועט ערבען. מיר אבער מוזען פריער בעשרייבין אויף קלאר זיינע ביידע פלעמעניצעס וואס זייא ביידע ווארען דיא טעכטער פון זיינע צוויא פערשטארבענע ברידער. אונ האבין אלזו ביידע גלייכע רעכט גיהאט צו זיין דיא אליינינגע הויפט יורשים פון זיינעם גרויסען פערמעגען:

## 2.

## „דיא צוויא פלעמעניצעס"

דיא איינע וואס וואר אין קיעוו. האט גיהייסען אלישבע וואר דאן אמיידכען פון איאר עטליכע אונ צוואנציג הויכגעבילדעט מער אבער העסליך אלס שיין. ביא אלעם דעם העכסט קאקעט

ערגעבין



ערגעבין דער ליבשאפטען. זיא וואר העכסט קלוג. העכסט געשייט. אונ וואר אליין פון צו הויז אויך זייער רייך. דען אירע עלטערען ווארען גרויסע נגידים. זיא האט זיך אפגיהאלטען פון אשידוך צו מאן ביז זיא וועט זיין אין ריינעם מיט דער ירושה פון איר פעטער. דען דאן וועט זיא אוים האקען איינע גרויסע פארטי. אונ ווייל עס האט זיך איר גיוואלט צו זיין דיא אליינינגע ערבין. האט זיא זיך אנגישטריינגט מיט אלע מעגליכקייט צו מאכען זיך בעליבט ביא איר פעטער. זיא פלעגט אים אימער מאכען גוטע בעזוכע. דאס הייסט פלעגט צו אים קומען אימער ניט מיט ליידיגע הענד. דאס האט זיא אים געבראכט געטריקענטע לאקס. דאס אגוטע בוטעלע אלטען שנאפס. דאס אשיינע פייף. דאס אשיינע דאזע (טאבאקירקע) אונ דאס גלייכען. אונ דער פעטער וואס וואר איין גרויסער גייץ פלעגט עס אנצונעמען וויא איינען וויליגען אפפער:

דיא צווייטע האט גיהייסען איינע אדער איזענע איין מיידכען פון איאר דרייא אונ צוואנציג. זיא וואר אויסנעהמענד שיין. איין מייסטער ווערק נאטעס. זיא האט איר גלייכען נור אין איר שפיגעל געהאט. זיא וואר העכסט געבילדעט מוזיקאלעס העכסט קלוג. גוט ערצויגען. זיא וואר געבארין אין ווארשא. אונ האט זיך דארט ערצויגין אונ וואר וויא צו זאגין דיא פערלע פון דיא דארטיגע דאמען. דער פאר אבער וואר זיא גאנץ ניט רייך פון צו הויז. אדער בעסער צו זאגין אין גאנץ שלעכטע אומשטענדע. דיא עלטערען האבין איר איבער גילאזין איין גרויסעם הויז וואס וואר בעלאסטעט מיט שווערע שולדען אונ פראצעסען. אונ וואר נאך דער צו גאנץ פרעמד אין ווארשא. דער איינציגער פערוואנדטער (קרוב) איהרער פון איר מוטערס זייטע וואר איין געוויסער יונגער דאקטער וואס וואר אין אירע יארין אונ וואר שוין דאן פערהייראטהעט זייער רייך. ער וואר אגרויסער (אפאראטאר). העכסט רענעמירט (אין אגרויסען בערוף)

אונ

און וואר אלזוי איין גרויסער פערדינער. ער האט געהייסען אראן אלשוואיינגער. ער האט צוואר געפירט איין פרידליכעס און שטילעס לעבען מיט זיינער פרויא. בייא אלעם דעם אבער וואר ער איין גרויסער פאנטאפעל מאן. דאס הייסט העכסט אונטער וואָרפען אונטער זיינער פרויא. דאס ער האט קיין ווייל־ער גיהאט איבער זיינעם פערדינטען גראָסען. דאהער האט ער בייא זיינעם בעסטען ווילען ניט גיקענט וואס גוטעס טאן מיט זיינעם געלט פאר דיא עלענטע אייגע. עס וואר אים אזוי גאר ניט פערגענט איין צו לאדען איר צו זיך אויף איין מיטאג. צום גרונד אבער וואר דאס מער אוים אייפערזוכט אלס אוים גייץ. דען זיא ... פרויא האט זיך גיפונען פערניכטעט אין איר געגענוואַרט ... דורך אירע אוים גיצייכענטע שיינהייט. ווייל זיא (דיא פרויא) וואר גאר ניט שיין. און שענער פאר איהר זיין וואר איינע אונפערצייהליכע זינדע. דען זיא איזט דאך מער ניט וויא איין ווייבס פערזאן און וועלכע פרויא קען ליידען איינע שענערע פאר זיך:

דאס איינציגע וואס ער האט גיטאן פאר איר און צו גלייך וואס רעכטעס (דאך אבער אהנע קאסטען) וואר דאס ער האט איר אויסגעפירט איין גרוישען שידוך מיט איונגען קויפמאן אוים אדעסע וואס וואר זייער שיין. געבילדעט העכסט רייך. און פערשטאנען זייער גוט זיין פאך. ער האט גיהייסען מאזעס שפראס. ער איז געקומען קיין ווארשא געשעפטס האלבער (וועגין) און האט זיך בעקאנט גימאכט מיט דיזען אראן אלשוואיינגער. און דיזער האט אים אריינגעפירט צו זיינער פערוואנדטע צו דיזער אייגע. האבין דארט פערבראכט איין אווענד האט איר גיהערט שפילענדיג מוזיק. אגב האט ער אים פאר געשפינעלט דיא געוויסע האפענונג וואס זיא האפט אויף אגרוישע ירושה. נאך העד האט ער זייא ביידען איין גילאדען צו זיך. קורץ געזאגט דיזער יונגער מאן האט זיך פערליבט אין איר ביז איבער

דיא



דיא אויערן. און האט זיך מיט איר פערלאבט (פערקנסט). און האט אפגעליינט דיא הויכצייט העכסטענס אויף איין יאר אוים געוויסע אורזאכען. דיא הויפט אורזאך וואר פון אירער ווייטע. דען זיא האט ניט גיהאט מיט וואס אוים צו קליידען זיך. צוואר דער חתן וואלט פיליייכט געגעבין געלט דארויף. עס האט אבער ניט געפאסט צו מאכען זיך אזוי וויים נידעריג. ווערקומען איין זויא אריינען פעטער האט. בייא אלעם דעם האט ער איר גילאזען גרויסע מתנות פון אפאר טויזענד קערבלעך. טייערע רינגען. איינע בראסע. און דאס גלייכען. און זיא ווידער האט בייא זיך געביינקט דאס אין פערלויף דיזער צייט ווען איר פעטער וועט נאך הלילה בייא דעם לעבין זיין וועט זיא פערקויפין דאס הויז וואס עס איז איר געבליבין פון אירע עלטערען בעלאסטעט מיט שולדען וואס קען איר נאך פיל ווינציג וואס בלייבין דער פון. און וועט זיך אלזוי אוים קליידען דער מיט:

אין אזעלכע אומשטענדען (אבסטאטאטעלסטוועס) ווארען דאן דיא ביידע הויפט נאסלעדניצעס וואס האבין זיך ניט גור אוים הערען און זאגין. און ווארען זיך שוין פיינדליך איינאנדער פון מעהרערע יארען:

## 3.

### "דער וויכטיגער בריף"

אין אהאלבעם יאר נאך דיא פערלאבונג (פערקנסונג) פון דיא אייזענע מיט דעם מאזעס שפראז. האט זיא דיא איינע געקומען אין איינעם פריא מארגען צוויא בריף פון פערשיידענע ... און פון פערשיידענע אינהאלטען. איינע איז איר געקומען פון אדעסע פון איר חתן פול מיט צערטליכער ליבע און מיט ... נאכריכטען פון זיינע גוטע געשעפטען. און דער

צווייטער

צווייטער בריף איז איר גיקומען פון קיעוו . פון אירעם איין
פערוואנדטען (קרוב) דאס זיא זאל וואס צום גיכסטען קומען
קיין קיעוו !. דען איר פעטער ר׳ יקותיאל נעהעם איז נאר אויף
דער נייגע . אונ דיא גאנצע מאבערקע ביא אים איז שוין פון
לאנג אן אירע קאנקערענטין (געגנערין) דיא אלישבע . אונ וויא עס
איז צו הערען זאל זיא נור די איינציגע ערבערין פון אים זיין .
אונ ווייטער זאל קיינער קיין לעק בעקומען . אלזוי ווען איר
לעבין איז איר נאך ליב זאל זיא קומען וואס צום שנעלסטען
קיין קיעוו . דאמיט זיא זאל נאך דער וויסען דעם פעטער אם
לעבען . וויא דער ערסטער בריף האט איר ערפרייט . אזוי האט
איר דער לעצטער בריף העכסט ערשיטערט . דען פון ווארשא
קיין קיעוו איז איינע גרויסע שטרעקע (מרחק) . פון פאצט פארין
איז קיין רייד דען עס איז פערבונדען מיט גרויסע קאסטען . אונ
מיט איינע גילעגענהייט וואר דאן זייער שווער צו בעקומען אונ
געזאגט (פאלאזעם) ווען עס וואלט זיך דיזעם יוא גימאכט וויא
וואלוועל וואלט איר דאן אויך גיפעלט אויף דיזע ווינציגקייט .
דען וויא מיר ווייסען וואר זיא דאן אין העכסט שלעכטע
אומשטענדען . אונ דער ביא אום צו פארין אין אפרעמדע
שטאט מוז מען זיך פיל שענער אויס קליידען אלס מען איז
אין איינער איינענע שטאט . אונ צוא פערזעצען איין עטוואס
פון דעם חתנם שמוק וואר איר איינע אונמעגליכקייט . איינע
זינדע וויא איין קירכענרויב . דען זייא ווארען ביא איר אלע
הייליגע פפענדער (זאלאגען) . אונ צווייטענס . דער ווייסט וויא עס
מאכט זיך . פיליכט וועט זיא נאך נעניטיגט זיין צו שרייבען פון
קיעוו דאס ער דער חתן זאל אהין קומען . אונ דאן מוז זיא
ערשיינען פאר אים אין אלע זיינע צירונג . אונ דאס גלייכען וואר
איר אונמעגליך צוא בעקומען דארויף איין עטוואס פון איר
פערוואנדטען אהרן אלשווייגער וויא מיר ווייסען . דאס ער וואר
העכסט בעהערשט פון זיינער פרויא וואס האט נאך געשטע





נאך יעדעם פערדינטען גראשין זיינעם וויא אגוטער שפיר הונד .
אונ אויס דיזער אורזאך האט געדויערט מער אלס דרייא מאנאטען
ביז זיא האט זיך אויס געקליבין אין וועג אונ דאס אויך מער
דורך וואונדערליכע הילפע אלס דורך נאטירליכע וויא מיר וועלין
דא ווייטער שרייבין . אונ איז גיקומען קיין קיעוו אלס איר פעטער
איז שוין מער אלס צווייא מאנאטען גיגאנגען צו חלום צו זיינע
לווים וואס זיינען אים נאך שולדיג געבליבין רוחים :

זיא איז פערפארין דארט אין דעם האמבורגער האטעל וואס
האט גיהאלטען אירער אפערוואנדטער (קרוב) איציק וועכטער .
האט איר אויף גינומען העכסט פריינדליך אונ האט איר אפגעגעבין
איין בעזונדערין צימער (נומער) אונ האט איר מיטגעטיילט
וועגען דער צוואה פון איר פעטער פיל מער אלס זיא האט שוין
נאך פריהער גיוואוסט אונ זיך אנגעהערט זעלבסט אויס דעם
מונד פון איר געגנערין דיא עליזאבעטע וויא עס וועט ווייטער
פאר קומען אין דעם פינפטען קאפיטעל . ער האט איר מיט
געטיילט וויא גרויס עס איז דער נאכלאס (עזבון) . אונ ווידער
דאס עס איז געבליבין איין טעסטאמענט פון אים איין פערזיגעלטער
וואס זאל ניט גיעפענט ווערין פריער פאר זעקס חדשים נאך זיין
טויט . דיא אורזאך דער פון איז ניט בעוואוסט . דער ווילע
איז אלעם פערזיגעלט . דיא סקלאדען . דיא קאמאדען , דיא
קופערטען , דיא פולטען . אונ דער ווילע זיינען אלע קרובים
אין שרעק דאס דיא אלישבע וואס וואר זיין גינסטלינגע (אין
חן ביא אים) זאל ניט זיין דיא אליינינע ערבין (נאסלעדניצע)
פון דיזעם גרויסען פערמעגין . אונ אין דיזען פאל וועט מען שוין
דאס רעכט האבין צו גלויבין דאס אזוי איין טעסטאמענט זאל
נור זיין איין בלויזעם מאכווערק (פאדיעל) פון איינעם נעויזבען
אידעשען פליגעפאטענט אבהור פון איאר פינף אונ דרייסיג וואס
וואר דער גאנצער מאכער ביא דעם ר׳ יקותיאל אין זיינע
דעלעם . ער איז אגרויסער זאקאניק . אדרייא קאפ מיט אגאנץ

versed in law

קנאפע כאראקטער . אונ איז שטיין רייך . מע זאגט גאר דאס דיא אלישבע האט איהם פערשפראכען צו נעמען איהם אין בעדינג ווען ער וועט אויס פאדען דאס נר וואס אליין זאל זיין דיא איינציגע ערבין פון דעם ר׳ יקותיאל . אונ נאך מעהר אלס פערשפראכען . א מען האט זיך אזוא גאר אפ געשריבען ביי נאטאריוס דאס ווען עס וועט זיך ארויס ווייזען פון דעם טעסטאמענט דאס זיא איז דיא הויפט ערבין זאלין זייא זיך פערהייראטהען מיט איינאנדער . אונ ווער פון זייא ביידען וועט קיין ווארט האלטען זאל צאלין שטראף זעקס טויזענד רוביל . דאס הייסט דער צד העובר לצד המקיים אונ האט אלווי מיט געטיילט איר נאך פילע ענינים איבער דעם איינהאלט פון דער ירושה :

באלד נאך איר אנקומען קיין קיעוו האט זיא געשריבען אבריף צו איר חתן דאס זיא געפינט זיך איצונד אין קיעוו וועגען דיא אנגעלעגענהייטען פון דער ערבשאפט . אונ האט איהם צו גלייך געשריבען דיא אדרעסע אירע דארט „האמבורגער האטעל נומער 13“ דאמיט ער זאל זיינע בריף שיקען רעקטע (גראדע) אהער . זיא האט איהם געשריבען דאס איר פעטער איז שוין טויט . אונ אירע גרויסע פערלעגענהייט (זאמעסאטעלסטווא) וועגען דיא ירושה :

4.

„דער גרויסע גאסט“

אין אוואך דרייא ארום . אין אגעוויסען פריא מארגין איז אנגיפארין צו דעם האמבורסקען האטעל איין שיינער יונגער מאן רייך געקליידעט אין אפאצטאווע בריצקע מיט דרייא פערד גאנץ פערשטויבט . אונ האט געבעטען דאס מען זאל איהם ווייזען דעם נומער דרייצען וואו עס שטייט איין געוויסעס מיידכען אייזענע פון ווארשא . אונ מען האט עס איהם באלד געצייגט . דיזער

נומער



נומער איז בעשטאנען פון צווייא קליינע צימערלעך . אפאר צימער אונ אשלאף צימער . דער ערשטער וואר אפען . דער צווייטער וואר נאך צו געשלאסען פון אינווייניג . דיזער יונגער מאן וואר קיין אנדערער אלס דער מאנעס שמואל איר חתן וואס איז געקומען קיין קיעוו נור אום אזוא זיין איר צו הילף אין דיא אנגעלעגענהייטען פון דער ירושה . מיט ראטה מיט טהאט אונ מיט געלד . זיא האט עס צוואר ניט פערלאנגט פון איהם . ער האט עס אבער גיטאן אויס איגענעם טריב (ווילען) ביי דיזעם ווילען אויף קלאר . דאס זיא אליין אויס זיך גינג נצו פראצעסירען זיך מיט לייטע מענער מיט אנגעלבע פערווארפענע אונ פערדארבענע מענשען . אונ בפרט נאך אזעלכע פרויען צימער ווייא זיא איז דיא אינשולדיג אליין . ער האט געוואלט אזוי גאר אנקלאפען אין דער טיר פון דעם צווייטען צימער . דיא קאמער מיידעל אבער וואס האט איהם אהין ארויין געוויזען האט איהם אנגעהאלטען „ווען זייא איר גיטש וואס זייא צו איהם גיזאגט . זיא איז גאנץ שפעט גיוועזען ... זייא זיך אם היינטיגען נאך אשטונדע . ווען זייא זיך הייבט אויף דער זאגט לעבין מישעל אונ לאזען זייא דער ווייל צייטונג נאר דיא נייעסטע . עסען גיבראטען . אונ ווען זייא מיינען אז צו שטעלען אייך דא אין דיזען האטעל . בעפעהלען זייא אריין צו נעמען איער שפעט אין איינם נומער וואס דער ביי . דען פערמאשהייך מה דאך דיזע מאדעל זיין איינע אנגעטהאנע איך . „טהוען זייא עס“ דאס ער איר גיענטפערט . אונ אלס זיא איז ארויס אום צו היסען דעם זעכמציק אריין צו טראגען דעם שעפעס אין דעם נומער וואס זיא וועט איהם אן ווייזען האט ער געבליבען אליין אין פארצימער שוין צייט גיהאט צו זאמען צוא געהמען אלע זיינע זינען (חושים) אום צוא בעטראכטען וואס עס טוט זיך אין איהם האט ער דער וועגען דאס אויף דער זאפקע אויף וועלכע ער דאס זיך אנידער געזעצט

ליגען

ליגען עפעס מענליכע קליידער שטיקען איבער דעקט מיט אגרויסע פאציילע. ער האט עס אפגידעקט. אונ עס איז אים פערגאנגן דאס הערען אונ זעהען אלס ער האט ערבליקט איין גאנצען אוניפארעם (איין אפיצירסקען אנצוג) דער צו נאך אדעגען (שווערד) מיט אזילבערנע קוואסטע (פרענדזעל). "וואס קען עס זיין?" האט ער ביי זיך גיטראכט. אלזו מוז דא געווים זיין ביי איר אין שלאף צימער איין געוויסער יונגער אפיציר. איז אבער ווידער די פראגע וויא זאל זיא אזו דום זיין צו לאזען עס ליגען אזוי פובליצנע אין פארצימער? זייא וויא עס זייא. עס איז דא ניט גלאט. ער האט זיך קוים גיקענט פאסען (בערוהיגען) עס וואר אים צו מוטה וויא יעדען אנדערען געליבטען וואס דער וויסט זיינע געליבטע מיט איינעם אנדערען אונ וואר אין בעגריף (בדעה) צו דער שטעכען זיך מיט דיזען דעגען. באלד אבער האט ער זיך גאנץ אנדערש בעדיינקט "ניין" האט ער ביי זיך גיטראכט. עס איז נאך אום דיזען שריט גענוג צו טאן. פילייכט האב איך מיך פאר אירט גאר אין איין אנדער נומער. פיל מעגליך דאס דא לאזירט שוין איינע אנדערע פערזאן. דען עס איז גאר אונמעגליך דאס מיינע ליבע אונ טייערע אייגענע וואס האט מיר געשיינט צו זיין די ריינע אונשולד זעלבסט זאל זיין אזוי ווייט פאר דארבען. ניין איך בין אזינדער דאס איך דיינק פון איר אזוי שלעכט. ניין מיינע אייזענע וועט זיך ניט בעגעבין מיט איינעם יונגען הערען אין איר נומער אונ דער צו נאך אזוי אונפארזיכטיג צו לאזען ליגען זיינע קליידער אין פארשטוב. אונ בפרט נאך אין דיזען האטעל וואס ער שטייט אין העכסטע גאנץ ערליכע גרוך. דאס עס פערקעהרען אין איהם די ערליכסטע אידעשע וועלט:

דער פאדעם פון דיזעם געדאנקען אבער איז גיווארין איבער געריסען באלד דורך אקלונג פון אגלעקעל וואס עס האט זיך ארויס גיהערט פון דעם צווייטען צימער. ער האט זיך דאן





באלד אויף גיחאפט פון דער זאפע. האט פערדעקט ווידער דעם אוניפארעם מים דער פאציילע אונ האט זיך פערשטעקט הינטער די מיבעל פון אגרויסען קליידער אלמער וואס וואר דאן אפ געלייגט. אום צו זעהען פון דארט ניט גיזעהענערהיים צו איז ווער דא אין צווייטען צימער צו נים. אונ דער ביי צו הערען וואס עס וועט דארט גישפראכען ווערען:

באלד דארויף איזט אריין דאס קאמער מיידכען מיט אמעדניצע וואסער. האט אן גיקלאפט אין טיר פון צווייטער צימער. עס וואר איר באלד גיעפענט. זיא איז אריין אונ האט איר באלד מיט געטיילט דאס עס וואר דא מיט אפערטעל שטונד פריהער איונגער מאנכוואס וויל זיך מיט איר זעהן. אונ וואס האט צו גלייך פערקערט אין דיזען האטעל נומער פערצעהן. "אלזוי מוז ער פערגעווים זיין דארט" האט איר די איינע גיענטפערט פולער פריידע. אונ האט איר צוא גלייך גיהייסען דאס זיא זאל אריין גיין צו אים אין נומער אונ בעטען אים דאס ער זאל אריין קומען צו איר איינער האלבע שטונדע ארום. דאס הייסט ביז זיא וועט זיך אנציהען וויא נעהעריג. די קאמער מעדכען איז ארויס. אונ די איינע איז באלד אויפגישטאנען. האט זיך ארום גיוואשין. אונ האט אנגעהויבין אן צו קליידען זיך. איז צעהען מאל אריין אונ ארויס פון צווייטען צימער אין פאדער שטיבעל אונ פון איהם צוריק אין צווייטען צימער. דאס אום זיך איין צוא קוקין אין שפיגיל וואס וואר אין ערסטין צימער דאס אום אויף צוא ראמען וואס אין אים. אונ דאס גלייכען גענוג עס וואר גענוג געלעגענהייט זיך איבער צוא צייגען. דאס קיין צווייטער איז ניט דא מיט איר אין צימער. אונ דאס זיא פאר פערטיגט זיך דא עפעס וויא איינעם גרויבען גאסט אויף צוא נעמען. אלזויא מוז זיא שוין פערטומהליך אהערען (פילען זיך) דאס דער יונגער מאן וואס עס האט אים איר דאס קאמער מיידכען אן געמעלדעט איז קיין אנדערער אלס

איר חתן . אונ האט זיך אלזויא קוים גיקענט פאסען (דער האלטען) פאר פריידע דאס זיין פערדאכט וואס ער האט אויף איהר געפאסט (נעהאט) איז געוואורין צוא וואסער . דאך האט ער געברענט פון אום געדולד צוא וויסען וואס איזט דא דער מער מיט דעם אוניפארעם אין איר פאר צימער . אונ וואר אלזויא אין בעגריף (בדעה) ארוים צוא טרעטין שוין פון זיין פערשטעק (בעהעלטענים) אונ צוא ערשיינען פאר איר אים געריכטערהייט וויא איין ארונטער גיפאלענער פון הימעל· אין זיינע רייזע קליידער . ער וואר אבער געשטערט אין דעם דורך דיא קאמער מיידכען וואס איז גיקומען צוא איר מיט איין אנטוואורט דאס ער איז אין זיין נומער ניט דא . ער וועט צוואר באלד קומען . האט זיך דיא איינע אפגערופען . ווען איין מאל זיין שפעט איז דא . האט ער דאך געוויס ניט פערדרייזט . דאך איז איינע דומהייט פון דיר וואס דוא האסט אים ניט גיפרעגט ווער ער איז אונ פון וואנען ער קומט . פיליייכט וואר נייטיג גיוועזען מיך אויף צו וועקען . א וואלט עס אזוי נייטיג גיוועזען וויא איר מיינט . האט זיא איר גיענטפערט . וואלט ער עס בוודאי גיזאגט :

קורץ דער פון . אונ עס וואר אלס דאס מיידכען אין ארוים פון פאדער שטוב . אונ זיא איז אריין אין דער צווייטע שטוב איז ער ארוים פון זיינעם פערשטעק (בעהעלטענים) באלד אונ טוו נאך דער מיידכען · אונ איז אריין ערסט אין איינער פערטעל שטונד צוריק אלס וויא ער וואלט ערסט גיקומען פון גאס . האט זיך אפ גישטעלט אין פאדער שטוב אונ האט איר אנגיהייבין צו רופען מיט איר נאמען „איינעגע ! איינעגע ! א מיין ליבער מאזעם ! א דוא פריידע מיינעם לעבענס ! האט זיא אים צו געשריען פון צווייטען צימער אונ איז באלד ארוים צו אים פון דארט מיט אוים גישטרעקטע ארעמס אונ איז אים ארויף גיפאלען אויף זיין האלז . א וועלכער גוטער איינגעל





האט דיך היר הער גיבראכט . דיך מיינע לעצטע האפענונג אין דער העכסטע נויט . עבען וואר איך אין בעגריף צו שרייבין צו דיר דאס דוא זאלסט קומען אהער . דען איך בין דא אין איינער גראסען פערלעגענהייט . עס האט גענוג געדויערט ביז זיא איזט צו זיך גיקומען פון גרוים שמחה . אונ ביז זיא האט דיא שפראכע גיפונען דען זיא וואר גאר אויסער זיך . איך בין היר הער גיקומען . האט ער גיענטפערט נור צו ליב דיר . ווייל איך וואוסטע דאס דוא האסט דא פילעם צו קעמפפען (שטרייטען) איבער דיינע קרעפטען . אונ בין אלזוי אינטערעסירט אין דיינעם וואויל אונ וועהע ניט ווייניגער אלס אין מיינעם אייגענעם . דען צייט אונזערער פערלאבונג געהערען מיר שוין איינער דעם אנדערען פיל מעהר אלס יעדער פון אונז זיך זעלבסט . קורץ גיזאגט עס וואר אונטער זייא איין ווייטעם אונ ברייטעם געשפרעך . אונ אלס זייא האבין איינער דעם אנדערען אלעס מיט געטייהלט וואס זייא האבין נור גיהאט מיט צו טייהלען ווענען דיא ערבשאפט האבין זייא זיך שוין אריין גילאזין אין איינעם פיל פערטרויליכערען גישפרעך אלס דעם פאריגען . דאס הייסט אין איינער ליבעם אונטער האלטונג . אונ דער מאזעם האט פערשטאנען דיזען צערטליכען געשפרעך אזוי קלוג צו לייטען ביז ער האט אים גאנץ אונבעמערקט אונ גאנץ זאנפט ארויף געפירט אויף דעם אוניפארעם וואס ער האט דער וויסט ביא איר אין פאדער שטוב . קוים האט ער דיזען פונקט בעריהרט וויא אויך העכסט צארט . אונ דאך העכסט עמפפינדליך (שמערצליך) פאר איינע זא טרייע געליבטע וויא זיא וואר . איזט זיא אים שוין אריין גיפאלין אין זיינע רייד אונ האט אים ניט גילאזט דיזע פיינדליכע פראגע אויספירען . אונ האט זיך אפ גערופען . יא מיין ליבער מאזעם מיט דיזעם אוניפארעם איז פערבונדען איינער גאנצע געשיכטע וואס בעריהרט זייער שטארק איצונד דעם פראצעס פון מיינער ירושה . איך האב אבער גיוואלט איר

פערשווייגען פון דיר ביז געגען אווענד אום אויפצוטישען עס דיר (מכבד זיין) צו דער טייא שטונדע. ווייל זיא (דיא געשיכטע) איז מער גישאפען (פאכט) פאר איינער אונטער האלטונג געשפרעך צו איינעם אווענד ברויט אלס ביא איינעם פריסטיק. איצונד אבער דאס דוא עס שוין איין מאל בעמערקט האסט. וועל איך אום דיך צו בערוהיגען שוין ערצייהלען:

### 5.

### דיא רייזע נאך קיעוו.

מיינע רייזע פון וואַרשא קיין קיעוו איז פערבונדען מיט גרויסע אבענטייער (וואונדער). עס וואר ניט אין מיינע קרעפטען גיוועזן עס צו מאכען (דיא רייזע) גיך אונ באלד לויט דעם בריף וואס איך האב בעקומען פון קיעוו. עס האט מיר געפעלט אן קליידער שטיקען. אונ האב גימוזט אלזוי נאך פיל ווייניג געלט בעציהען געלט אויף דאס שוין פון לאנג אן פערשולדעטעם הויז פון מיינע עלטערען. אונ אלס איך וואר פערטיג דער מיט. איז מיר זייער קורץ געקומען וועגען אפור. פון פאצט פארען וואר קיין רייד דען דיזעט וואר איבער מיינע קרעפטען. דינגען אפור אומישנע וואר איך געווים ניט אים שטאנדע אונ איינע געלעגענהייט האט זיך ניט גימאכט. אונ פון מיינעם פערוואנדטען אהרן אלשווייננער וואר ניט צו האפען אויף איין גראסען הילפע. דען ער איז איין גרויסער פאנטאפעל מאן גאנץ בעהערשט פון זיינער פרויא. דער ווילע זיינען זיך איבער גילאפען שיינע עטליכע וואכען. ביז איינעם געוויסען אווענד וואס עס איז גיקומען צו מיר אין אים דער אלשווייננער אונ האט מיר פאר געלייגט אנאנצען פראיעקט „זייא וויסען איינע" האט ער צו מיר געזאגט. דיין פערוואַנדטען ריך דא איזט פערבונדען מיט גרויס שאדען. מען וועט ניט ווארטען דארט אויף דיך מיט דער ירושה. דוא מוזט שוין פארען. עס

איז



איז דא איינע געלעגענהייט וואס דוא קענסט קומען מיט איר קיין קיעוו פאר אנגעשפעט. איין קאטוילישער פריסטער איין אלטער מאן פון זיטאמיר וואס האט זיך דא געקוריערט. פארט יעצט צוריק אהיים אין אבראדער בויד מיט פיר פערד איינגעגע. ער וויל נעהמען מיט זיך איינע פערזאן פאר שפאס געלט אום נור צו האבין זיך אונטער צו האלטען מיט וועמען. נור מיט דעם בעדינג דאס דיזער זאל זיין נור איין מאנס פערזאן. נון איז מיין ראטה ווען נור דוא מוטה האסט דאס דוא זאלסט דיך פערקליידען פאר איין קריסטליכען יונגען מאן. א[illegible] וועל דיך אויסקליידען אין מיינעם אוניפארעם מיט ארדענען. איך וועל דיר מיט געבען אויך מיין דיפלאם אונ זאלסט דיך אים פארשטעלען אלס דאקטאר אונ דאן וועט ער דיך אן נעמען פאר אגוטען גאסט נאר אן אגראסע געלט. דען ער איז נאך ניט פעליג געזונט. דוא דארפסט נור שפילען דיא ראלע ביא אים אלס ארצט. דוא וועסט עס קענען ווען דוא וועסט עס נור וועלען דען דוא ביזט דאך זייער פיל בעלעזען אין דיא מעדיצינישע זורנאלען אונ ווייסט זייער פיל פון הויזליכע מיטלען גאנץ גענוג אום אזוי איינצוזם גאנץ אונוויסענדען אין דער מעדעצין צו טייטשען (נארען). אונ ביא אלעם דעם זאלסט דוא דיין איינגענם פאס אויך מיט נעהמען. דען דוא וועסט אים ברויכען צו דיינעם פראצעס אין קיעוו:

וויא אויך עס וואר מיר דיזער פראיעקט גאנץ ווידר מיינעם ווילען וואר איך דאך געצוואונגען עס אנצונעמען. האב מיך פערקליידעט אין דעם אראנס אוניפארעם. האב מיך דעם גלח פארגישטעלט אונ ער האט מיך מיט פריידען אן גענומען פאר איין מיט רייזענדעם. איך האב מיינע ראלע גאנץ טרייא געשפילט אונטער וועגענס אונ ער וואר העכסט צו פרידען מיט מיר. מיר זיינען גיפארען איבער ביאלעסטאק. איבער גראדנע. איבער ווילנא דען ער האט געברויכט וואס צו האבין אין דיזע שטעט. פון דארט איבער נישוויז. פון נישוויז איבער פינסק ביז איזואהיל.

פון

פון דארט אן אונ ווייטער האט אים שוין די געזונדהייט ניט ערלויבט צו פארען . דען ער וואר שוואך אונ דער ביי וואר די פאנאדע ניט גוט ; אונ ער וואר אזוי ארטיג דאס ער האט גיהייסען זיין פורמאן דאס ער זאל מיך אפ פירין ביז זיטאמיר וואס דארט איז זיין וואוין ארט . אונ אין אטאנאט ארום זאל ער אים קומען אפנעהמען . אונ ער אליין איז פערבליבען אין דעם דארטיגען קלויסטער וואס ער איז אויך גישטאנען אונטער זיין נאדזאר :

דריי טעג אבער האב איך מיך געזוימט צו ליב דעם פערזאמען אין איזוואהיל . דאס הייסט ביז עס איז ביי אים געבליבין בעשטימט דאס ער זאל זיך דארט אפשטעלען . אונ דיזע דרייע טעג האב איך מיך פערהאלטען אין איינער פריצישע אבסניא וואס דער אייגענטהימער (כאזאיען) וואר איין רייכער יודע . איך וואר דארט רעספעקטירט אלס יונגער דאקטער . אונ דאך האב איך קיינע קראנקע ניט אנגענומען . אונ אגב האב איך גיהאט איינע גוטע גילעגענהייט מיך בעקאנט צו מאכען מיט איינע רייכע מיידכען איינע פאסאזירערין וואס איז גיקומען פון קיעוו אויף איינער רייכע האבצייט . זיא וואר שיין געבילדעט מיט אגאנץ אראפייעשען בענעהמען וואס דארט איז עס פון די גרעסטע זעלטענהייטען . זיא האט זיך מיר פארגישטעלט אלס איינע פריילין פון אגרויסען פערמעגען אונ דאס זיא האט נאך צו ערווארטען איינע גרויסע ירושה פון א רייכען פעטער . קורץ גיזאגט . זיא האט מיר גענאנט אויך איר נאמען . אונ זיא וואר אלזוי קיינע אנדערע אלס די עליזאבעטע . אונ איך וואס האב געשפילט די ראלע אלס יונגער דאקטאר אוים ווארשא האב מיך גענאנט פאר איר לויט דעם דיפלאם פון מיינע יונגען פערוואנדטען קרוב «אראן אלשוויינגער» דיזער נאמען וואר איר שוין לאנג בעקאנט פון דער בעסטען זייטע . «נון פריי מיך» . האט זיא זיך אפ גירופין צו מיר מיט דעם גרעסטען





פרעספעקט (הייפליכקיים). צו קענען אייך פערזענליך . דען איך האב פיל גוטעס אונ ליבליכעס פון אייערע פערטיקייטען (שיקליכקייטען) געהערט . אונ האט מיך באלד גיפרעגט צו בין איך שוין פערלאבט (פערקנאסט) אדער שוין גאר פערהייראטהעט . אונ זיא וואר העכסט צו פרידען מיט מיינעם אנטווארט «דער ווייל נאך ניט» :

פון דיזער מינוטע אן איז זיא מיר גיווארין גאנץ אנהיינגליך (צוא געקלעפט) וויא איינע קלעטע*) אונ איינע [illegible] קלייר. האט אנגעהויבין צו מאכען זיך מיר העכסט געפעליג . דיגסט פערטיג צו זיין מיט וואס נור מעגליך . האט מיך געלאדען צו טייא . צו קאוע . צו אבענד ברויט אונ דאס גלייכען . האט אוים געצירט פאר מיר אלע אירע קענטניסע אונ שפראכען . אירע פערטיגקייט אין שפילען . דען עס וואר דארט איין פארטעפיאן אונ באלד דארויף האט זיך אנגעהייבין צו צייגען שפורן פון ליבע צו מיר . אונ איך וואס האב גיוואלט ציהען נוצען דער פון . דאס הייסט פון איר וואהן (טעות) צו מיינעם אינטערעס האב איר געצייגט דייטליכע שפורען פון געגענליבע . אונ נאכהער אלס זיא איז גיוואר גיווארין דאס איך האב איינע אוים גיצייכענטע פור ביז זיטאמיר איינע גוטע בריצקע מיט פיר פערד ליידיג אינ לויז האט זיא מיר אנגעמוטה דאס איך זאל איר נעהמען מיט אונ זיא וועט שוין דעם קוצער זייער גוט פערגיטען דער פאר . איך האב דיזען פארשלאג מיט פריידען אנגענומען . דאס גלייכען דער קריסטליכער קוצער . אונ מיר זיינען ביידע מיט אקליינע



*) קלעטע הייסט , דיסטעל , לאפוחא , אדער קאלעץ , דאס איז די שטעכענדע סיסקעס וואס זיינען רונד אונ מיט שפיצען , די קונדייסים ווארפען עס אריין אין די פאות , אין קארד , אדער ווארפען עס אן אויף וואלענע מאנטלען אום תשעה באב :

קאמער מיידכען אפ גיפארין פון איזוואהיל. דיזע רייזע האט דאפעלט גיווערט אלס עס האט גידארפט גיווערין. אונ שולד אין דעם האט נור זיא גיהאט. ניט דיא וועג. ניט דאס פערד אונ פשיטא שוין ניט איך אונ ניט דער קוצער. ערשטענס האט זיא גיבעטען דאס מען זאל ניט שנעל פארין פארשיצענד (זאגענד) דאס איין שנעלעס פארין ברייננט איר צום וואמירען (ברעכען). צווייטענס פלעגט מען מוזען צו ליב איר זיך אפשטעלען כמעט אין יעדער קרעצמע. דאס צו מאכען דעם סאמעוואר. דאס אום זיך אוים צו רוהען. אונ דאס אום צו בעטען (דאוונען) דען זיא איז נאך צו אלע צרות פרום אויך אדער בעסער צוא זאגען זיא שפילט דיא ראלע פון איינער פרומע:

דיזע אלע אומשטענדע (סבות) וואס האבין פערליינגערט דיא רייזע וואָרען נור פינגערטע (גימאכטע) דאס הייסט פאלשע אום נור צו פערליינגערען איר (דיא רייזע) אום צו האבין מער צייט צו ראמאנהירען זיך מיט מיר. איך האב גאנצע זעקס טעג צו גיבראכט מיט איר אין דער בריצקע. אונ פיל מער אלס זעקס טעג דארף דויערין צו שילדערען (פאר צוא שטעלען) דיא אויפטריטען אונ דיא שצענעריען וואס וואר דארט צווישען אונז ביידען. גאנץ פאסענד פאר דער ביהנע (טעאטער)!. קורץ גיזאגט זיא האט זיך אין מיר שטערבליך פערליבט האט מיר מיט נעטהיילט פילע געהיימנים פון איר לעבענס געשיכטע. אונ אם ענדע אלס זיא האט שוין אויף קלאר זיך איבער צייגט דאס איך בין איר העכסט געניינט. האט זיא מיר גיזאגט. ליבער הער ארען. איך מאכע פאר אייך קיין געהיימנים דאס איך בין שוין אזוי גוט וויא פערלאבט (פערקנסט) מיט איינעם וואס איז שוין ניט מער יונג. ער זאגט דאס ער איז אלט קוים פינף אונ דרייסיג יאר ער זעהעט אוים אבער אסך עלטער. אונ איזט דער צו נאך פון איינעם גאנץ ווידערליכען אויסזעהען. ער הייסט שמעון פרץ בריל. איין מיכטיגער רוסישער שרייבער אדער





זאקאניק. ער האט דעם גראסען (זייער רייך) אונ איז נאך א בחור. ער איז אין שטאט זייער פעררופען אונ פערדינט עס צו זיין אין דער טהאט (באמת) דען ער איז באמת ניט פון שענסטען כאראקטער. אונ ביי אלעם דעם האב איך מיך זעלבסט געצוואונגען אריין צו טרעטען מיט אים אין איינער שווערע פערבינדונג צו הייראטהען אים אין פאל ווען ער וועט אויספיהרין דאס נור איך זאל זיין דיא איינציגע ערבין פון מיינם פעטערם ירושה. אונ וויא עס ווייזט אויס איז עס אזוי גוט וויא שוין אויס געפירט. אלזוי וועל איך שוין זיין געצוואונגען צוא הייראטהען אים. אונ וויא דיא וואהרהייט צו זאגין זייט איר מיר פיל ליבער אלס ער. אונ ניכט נור אלס ער. ניין ליבער אלס אלע אנדערע יונגע לייט פון דער גאנצער וועלט. נון מיין ליבער ארען ווען זייא מיך ווירקליך אויפריכטיג ליבען וויא זייא זיך פאר מיר צייגען שאפעט מיר ראטה וויא איך זאל מיך פון דיזען ווידעריגען קערעל לויז מאכען. איך העטע קיין געלד געשפארט (געזאלעוועט) ווען עס וואלט גיט גיוועזען פערבונדען מיט צו גרויסע זומען. ערשטענס האבין מיר אונז אפגישריבין ביי דעם נאטאריום דאס יעדער פון אונז ביידען וואס וועט וועלען איבער טרעטען זיין פערשפרעכען וואס מיר האבין אונז פערשפראכען אונ צו גלייך אבגעשריבין דאס וויא נור איך וועל בלייבען אויף געווים דיא אליין ערבין פון דעם פעטערס פערמעגען זאלען מיר אונז ביידע פערהייראטהען גיך אונ באלד. זאל איין צאלין דעם אנדערן איינע זומע פון זעקס טויזענד רובל. צווייטענס שמעקט מיר מיט איינער האלבע ירושה. דען עס וועט אים ניט זיין צו פערדיינקען דאס ער וועט דאן עס גאנץ ענדעקען דאס דער טעסטאמענט איז נור איין מאכווערק. אלזי מיין ליבער ווערט איצונד מיין הערץ געמאטערט פון צוויא גאנץ געגענגעזעצטע ליידענשאפטען (תאוות) פון געלט גייץ אונ פון ליבע זייא מוזען ביידע צו גלייך בעפרידיגט ווערען פון

מיר דען איך קען פערגעווים ניט געליבט ווערען פון אייך אן אנגריסען פערמעגען . דען מיר יודען (פערצייהען זייא מיר) האבען נאך קיינען ריינען געפיל פאר דיא ליבע . זיא מוז דעם גראסען צו איינער פאליע*) האבען אונ מיר ביידע מאכען נאך קיין אויסנאהם: דער פון . אונ אין דער ווארהייט פערשענערט דאס רייכטוהם זייער פיל דעם מענשען . ער בעקומט דורך דעם איין אריסטאקראטישען בענעהמען . אונ געהערט שוין צו איינער בעסערע קלאסע מענטשען . נון וואס זאגין זייא דער צו ליבער צראן ? ראטהען זייא מיר וואס גוטעס . אונ ווען ניט ווערל איך פערווינשען (פערשילטען) דיא מינוט וואס איך האב אייך דאס ערסטע מאל דער זעהען . ווייא דעם דורשטיגען וואס זעהט פאר זיך איינע קוועלע פרישעס אונ קאלטעס וואסער אונ עס איז איהם ניט פערגענט צו געניסען דער פון :

עס איז גאנץ פערנונפטיג גישפראכען . האב איך איר גיענטפערט. עס איז מער וויא געוויס בייא אונז אידען דאס ליבע אונ געלט גייען האנד אין האנד . אונ אלזוי איזט ניט וויינינער וואהר . דאס אייערע איצטיגע לאגע איזט העכסט בעדיינקליך (קריטיש) דאך לאזט זיך דער בייא פיל איינווענדען . איך בין איין גאנץ אפענער מענטש . דאס הייסט איך רייד ניט מיט אמענטשען אנדערס וויא איך דיינק . אלזוי זאג איך אייך רונד ארוים דאס וויא אויך איר געפעלט מיר זייער אונ בין איך אייך פערליבט מיט לייב אונ זייל בייא אלעם דעם ווען איך וואלט גיוועזן ארעם וואלט איך דיא שטימע פון מיינער ליבע צו

אייך

---

*) דאס איזט יעדע קאלארירטע פאפיר אדער רייסנאלי וואס מען לייגט אונטער וואס אויסגעשניצטעס פון פאפיר אדער פון קארע , וויא טאבאקירקעס , אדער פאטרייען וואס זיינען געשניצט פון פאפיר , אום דייטליכער צו מאכען דאס געשניצטע אונ אויסגעשניטענע :



אייך אונטער דריקט דען מיר יודען מוזען האבען געלט . דאך אבער זייט איר מיר גאנץ גענוג מיט אייערעם איינענעם פערמעגען אונ מיט דעם טייל ירושה וואס עס קומט אייך פון רעכטס וועגען ווייל איר זייט דעם ר׳ יקותיאלס אברודערס טאכטער . פון דיא איבעריגע ירושה אבער וואס איר מיינט צו בעקומען דורך אפאלש וויל איך ניט וויסען . דען עס קלעפען אן דעם טרערען פון פילע ארעמע קרובים אונ בפרט נאך פון דער איינע וואס האט אגלייכען רעכט אויף דיא ערבשאפט וויא איר . דען זיא איז דאך אברודערס אטאכטער . אונ זיא איז בלוט ארעם אונ דער צו נאך גאנץ העכסט קריינקליך אונ איר גאנצע אויסזיכט איז נור אויף דיזע ירושה . אלזוי מיינע ליבע עליזאבעטע ווען זייא ווילין מיך בעזיצען (האבען פאר אמאן) מוזען זייא זיך ענטזאגען פון דער ערשליכענע (אריינגעשטוילענע) ירושה . אונ ווען זייא ווילין בעזיצען דיזע אונרעכטע ירושה מוזען זייא זיך ענטזאגען פון מיר . בעהיטע מיך גאט דאס איך זאל מיין הייזליכעס לעבען גרינדען אויף איין גערויבטעס גוט . אונ חוץ אלע זאכען ראטהע איך אייך דאס איר זאלט אייך דער פון ענטציהען וואס צום גיכסטען . איר זאלט אייך דער פון ענטזאגען . פערגרייפט אייך ניט אן איין יתומישע גוט דען דיזעס וועט אייך קיין הייל אין אייער שטוב בריינגען וויא דער אלטער חכם זאגט . אל תסג גבול אלמנה , ובשדי יתומים אל תבא כי גואלם חזק וגו׳ . פערגרייפע דיך ניט אן דעם גרענעץ פון איינער וויטווע (אלמנה) אונ טרעט ניט אריין אין דאס פעלד פון איינם יתום אדער יתומים . דען זייער אדוואקאט איז העכסט מעכטיג דאס איז גאט . ער זעלבסט וועט פערפעכטען זייער רעכט . הערען זייא עליזאבעטע איך ווארנע אייך וויא איין גוטער איינגעל . אונ טריישעלט אייך אפ פון דעם שמעון פרץ וויא ווייט מעגליך איז . דען ער וועט אייך קיין גליק בריינגען אין אייערם הויזע:

דיזע רייד מיינע האט ניט פערפעלט זייערע ווירקונג

אויף

אויף איר הערץ, זיא וואר העכסט געריהרט דאס אירע אויגען זיינען געוואָרין פול מיט טרערען «גוט מיין ליבער אהרן» האט זיא זיך אפגערופען. איך דאנקע אייך פאר דיזען ראט איך בערייהע (איך האב חרטה) וואס איך האב מיך דיזען שופט ערגעבין וואס טוא איך אבער מיט דיא זעקס טויזענד רוביל שטראף געלט וואס איך וועל אים דארפין צאלין. דען ער האט דאך זיין זאך וויא גיזאגט שוין אויסגעפירט דער צו נאך האט דיזער שטרייך (שטוקע) שוין אויך גיקאסט אגראבער גראסען. דען ער האט דאך ניט אויסגעפירט דיזעם מיט ליידיגע הענד. אחת לאחת אין פאל דאס איך זאל מיך פונדריא אנדערע העלפט ירושה וואס איז שוין אזוי גוט וויא מיינע ענטזאגען. אונ דעם שמעון פרץ איינצאלין שטראף זעקס טויזענד רוביל אונ דער צו נאך דיא אומזיסטע הוצאות פערלירען איז איין גרויסען קאפיטאל. אונ דיזעם וועט מיר שוין זיין צו שווער צוא פערשמערצען (צו פערלייערן) אם וויינינגסטען וואלט איך קענען אפרייבין דיא זעקס טויזענד רוביל שטראף געלד. אונ דיזעס האב איך איר גיענטפערט. נעהמע איך אויף מיר עס אפ צו רייבין דען איך האב דא גרויסע בעקאנטשאפט ביי גרויסע הערשאפטען. איך וועל דא איין שטיין אין קיעוו ביי דעם שעף זאנדארמע וואס איך וועל פארין מיט אים אין דיא בעדער:

איך האב עס איר גיזאגט מיט אבזיכט. דען זאנסט וואלט זיא דאך וועלען מיך בעזוכען נון וואלט זיא דאך שוין גיוואר ווערין ווער איך בין אין דער ווירקליכקייט. אונ דיזעס וואלט גימאכט איין גרויסין שטריך אין מיינע רעכענונג. דען אין קיעוו האב איך דאך געמוזט שוין ערשיינען אום צו דער גיין מיין רעכטן אויף דיא ערבשאפט אלס דיא צווייטע נאסלעדניצע. אונ האב איר דאהער פערשפראכען ביי מיינעם שיידען מיך פון איר אין זיטאמיר דען אונזער פור האט זיך דארט אפגעשטעלט וויא גיזאגט דאס דארט וואר דער וואוינארט





פון איר איינעגטיהמער (דאס הייסט פון דעם גייסטליכען) דאס איך וועל איר אלע נאכט בעזוכען. אונ דאהער דאס הייסט אום ניט אריין צו פארין קיין קיעוו מיט איר צו גלייך אויף איין פור פערקליידעט אלס איין דאקטאר האב איר פארגעשיצט (קליימערסט זיך גימאכט) דאס איך ברויך צוא פערבלייבען איינינע טעג אין זיטאמיר. אונ באלד וויא איך בין פון איר לויז גיוואָרין האב איך מיך באלד אומגעקליידעט אלס מיידכען אונ בין באלד אזוי פערפארין אין דיזעם האטעל. אונ האלט מיין פערשפרעכען טרייא. דען איך בעזוכע איר אלע נאכט פערקליידעט אלס דאקטאר. אונ האב ביי איר דיא בעסטע אויפנאהמע וויא איין געליבטער פון זיינער געליבטע. מיר בעשפרעכען אונז פון אונזער צוקונפט (שפעטערען לעבען בייזאמען) אונ מאבע איר זייער גוטע האפנונג אפ צו רייבען דיא זעקס טויזענט רוביל שטראפגעלד. אונ נאט דער פאטער פון דיא ווייזען (יתומים) איז מיט מיר אויף דעם וועג אויך דיזעם אוים צו פיהרען וויא איך וועל דיר עס ווייטער דער ציילען. דער ווילע האסט דוא שוין איין געניגען קאמענטאר (ערקלערונג) איבער דעם אוניפארעם וואס דוא האסט דא ביי מיר דער וויסט. איך געברויכע אים אלע נאכט. אונ איך לאזע אים אין פארצימער אום דאס דינסט מיידכען זאל אים ריינינגען:

«גוט מיינע ליבע» האט זיך דער חתן אפגערופען. דער ווייל איז עס אבער נור האלב גיטאן. נאך איזט ניט גיזאגט דאס דער שמעון פרץ וועט וועלען איינלאזען דיא זעקס טויזענד קערבליך שטראף געלד. דען וויא אונטער אונז גיזאגט ביזט דוא נאך קיין תקיף ביי דיא גרויסע הערשאפטען וואס זאלען זיך פאר דיך פערווענדען (אן נעהמען). אונ פאלאזעם (געזאגט) זייא וואלטען עס יוא גיטאן. בעגרייפע איך נאך ניט דיא גאנצע ענטוויקלונג פון דיזער פאשע (שפאס אדער שטוקי). גערולדע דיר נאך. האט זיא אים גיענטפערט. איך ברויכע דער צו קיינע

מענשליכע הילפע . דען דיא נעטליכע הילפע אליין וואר מיר נענוג . ער וואס האט דיא ארעמע רות ארויף געפירט גראדע אויף דאס פעלד פון דעם בועז . האט מיך אריין געפירט אין דיזעם האטעל וואס עס קוואטירט אין אים דער שמעון פרץ אונ בעקעסטיגט זיך דא מיט אלע אנדערע געסטע אונ אזוי אויך מיט מיר בייא איינעם טיש . דען עס איז דא איין גלאוונער טאבלע דעהאטע*). אונ ער האט אלזוי גענוג געלעגענהייט מיך צו זעהען אלע טאג אונ צו שפרעכען אונ צו פערליבען זיך אין מיר . אונ האט זיך אלזוי פערליבט אין מיר איבער דיא אויערען. אין אנפאנג האב איך מיך גיצייגט גאנץ קאלט געגען אים . דען חוץ אלע זאכען איז ער איינע העסליכקייט דאס עס האט מיך אנגעעקעלט אן צו קוקין אים . נאכהער אבער אלס איך בין געוואר גיווארין ווער ער איז האב איך שוין פיל מילדערע זייטען (שטרונעם) אנגעצויגין . דאס הייסט איך האב מיך אנגעהויבין צו צייגען אים פיל פריינדליכער . פיל ליבליכער אום צו געווינען אים פיר מיך . אונ דאס גלייכען וואר איך אים פיל וויכטיגער איינטערעסאנטער אונ מער בעצויבערענד אלס פריער אלס ער האט זיך דערוויסט דאס איך בין דיא צווייטע פלעמענעצע וואס האב איין גלייכען רעכט אויף דיא ירושה וויא דיא עליזאבעטע . אונ אלס מיר זיינען גיווארין שוין פיל נעהער (נעהענטער) בעקאנט אונ מער פערטרויט מיט איינאנדער אלס פריער . דאס מיר האבין אונז שוין גאנץ אפען איינער דעם אנדרן ערקלערט (בעקאנט גימאכט) וואס יעדער פון אונז האט עס ביז אהער פערשוויגין . דאס הייסט ער האט מיר אויס גיזאגט מיט זיינעם אייגענעם



*) דאס איז אזוי איין מין אכסניא וואס עסען דארט לבד אורחים אויך בעשטענדיגע קעסטניקעס פון שטאט. אין מאנכע שטעט בעקעסטיגען זיך אויך דארט גאנצע פאמיליען , אום צו פערשפארען צו האלטען איין אייגענע קיך :



מונד דאס ער איז דער פראטינירער (אדוואקאט) פון דער עליזאבעטע . אונ צו גלייך מיט איר ברויטווערבער (דאס הייסט וואס מיינט איר צו נעהמען) אונ איך האב אים אויס גיזאגט דאס איך בין דיא צווייטע פלעמענעצע . אונ געצייגט אים דער בייא נאך איינע געהייכעלטע (פאלשע) ליבע וואס וואר אבער אויסגעקינצעלט וויא איינע וואהרע. אונ ער וואר מיר אזוי גענייגט אונ אזוי גוט . דאס ער האט מיר גאנץ עפענטליך אנגעבאטען זיינע ליבע מיט איינעם זייער פארטיילהאפטען (גוטען) פעדינג דער צו :

מיינע ליבע איינע . האט ער זיך דאן אפגערופען צו מיר דריקענד מיר צערטליך דיא האנד . שאדע דאס איך האב זייא פון פריהער ניט גיקענט . העטע איך זייא פון פריהער גיזעהען . דאן וואלט איך קיין שריט גיטאן פיר עליזאבעטע . אונ ניט אום איר האנד גיווארבען (זיך גישאדכנט צו איר). דען וויא דיא וואהרהייט געזאגט איר זייט מיר פיל ליבער אונ פיל טייערער אלס זייא . קורץ גיזאגט דיא עליזאבעטע געפעלט מיר גאר אין גאנצען ניט . איך וויל זייא הייראטהען נור צו ליב איר גרויסען פערמעגען וואס זייא וועט האבין . אבער ניט אויס ליבע צו איר זעלבסט . א וואלט מיר מעגליך גיוועזען נאך עס אום צו מאכען דאס איר זאלט זיין דיא איינציגע ערבין . איך העטע עס מיט פריידען גיטאן . א ! ליבער ר׳ שמעון פרץ האב איך מיך אפ גירופין צו אים ווען איר שפרעכט עס אין ערענסט אונ האב אלזוי ווירקליך דאס גליק אייך גיפעלין צו זיין אונ מיינט מיך צו הייראטהען . אין פאל דאס איר זאלט דער בייא קיין גרויסען געלד פערלוסט (שאדען) ליידען . קען איך אייך פערזיכערען גאנץ געוויס דאס איר וועט דער בייא אם מינדעסטען ניט ליידען. דען טראץ (להכעיס) אייער בעמיהען זיך צו מאכען דיא עלישבע פאר דיא איינציגע ערבין פון דער גרויסע ירושה . אונ עס אזוי גאר וויא אויס געפירט דורך איינעם קלוגין (שטריך)

(שטוקי) דאס הייסט דורך איינע אונטער געשאבענעם פאלשען טעסטאמענט בין איך דאך אזוי אגוטע ערבין וויא זיא . אונ וועל מיך טיילען מיט איר גלייך אין דיזער גרויסען ערבשאפט . אונ ווען איר ווילט מיר ניט גלויבען וועל איך אייך אים פאל ווען מיר וועלין פעראבריירען דאס מיר זאלין אונז פערהייראטהען . צייגען אין איינינגע טעג איינע אקטעקירטע שריפט פון עליזאבעטע דאס זיא אוים איינענעם גוטען ווילין אנערקענט זיך פאר איינע גלייכע ערבין וויא זיא אין דעם פעטערס נאכלאס (עזבון) זעלבסט ווען אין דעם טעסטאמענט וואס דארף זיך אין פערלויף פון צוויא מאנאטען ערעפענען וועט זיין גענאענט נור זיא אליין פאר דיא איינציגע ערבין . אלזוי מיין ליבער ר' שמעון פרץ וועל איך שוין זיין אזוי רייך באלד וויא זיא. דען איך וועל דאך האבין איינע האלבע ירושה :

דיזע נאכריכט האט אים שרעקליך ערשיטערט דאס ער האט זיך קוים גיקענט פאסען (בערוהיגען) . וויא איז עס מעגליך האט ער זיך אפגערופען . איך גלויב עס ניט דאס זיא זאל עס טאן אוים איינענעם טריב (ווילין) אונ דער צוא נאך אזוי פיל מיהע אונ קאסטען וואס זיא האט אנגיוועגדעט אום אוים צוא ארבייטען דורך מיך אזוי איין טעסטאמענט דאס דער פעטער האט איר גימאכט פאר דיא איינציגע ערבין . איך גלויב עס ניט . אדער עס מוז דער בייא זיין איין געהיימע פעדער (שפרוזינע) וואס האט איר דער צו גיצוואונגען . נון איזט מיר וואונדער דאס איך זאל דער פון ניט ווישען . אונ צווייטענס געזאגט דאס עס זאל וואר זיין וואס איר זאגט דאס איר וועט זיין איינע גלייכע ערבין מיט איר אלזוי וועט איר שוין באלד זיין אזוי רייך ווי זיא . איז עס מיר ניט גענוג . דען איך קען נאך האבין דורך אונזער פערהייראטהען זיך דאך נאך איינען גרויסען געלט פערלוסט . דען איך אונ זיא האבין אונז אפ געשריבין דאס וויא נור דער טעסטאמענט דאס זיא איזט

דיא



דיא איינציגע ערבין וועט אבגיאוועט ווערין זאלין מיר אונז פערהייראטהען אונ ווער פון אונז ביידען וועט ניט וועלין ווארט האלטען זאל איין צאלין דעם אנדערען זעקס טויזענד רובל . אלזוי ווען איך וועל זיין דער ערסטער איבער טרעטער וועל איך עס דארפען איין צאלין דער עליזאבעטע :

צוואר האט איר רעכט עס ניט צו גלויבין . האב איך אים געענטפערט . אונ דאהער אויך צוא פירכטען פאר דיא שטראפגעלט . דאך אבער וועל איך אייך באלד רייכער מאכען מיט איינער געהייבנים וואס וועט אייך שוין זיין איין שליסעל אום צו עפענען דאס פערשלאסענע הערץ פון אייערע פאלשע געליבטע וואס מיינט ניט אייך נור אייער טרוד אונ אייער געלט. זיא דיזע געמיינע איז אייך הינטער אייערען רוקין הינטער גינאנגען (בעטראגען) . זיא איז פערליבט אין איינעם ווארשעווער יונגען ארצט וואס הייסט אראן אלשוויינגער איין פיינער יונג . איין געשיקטער אפאראטאר . אונ איז וויא דיא ווארהייט צו זאגין פיינער אפאראוואנדעטער אונ זאל זייער רייך זיין . ער איז איר זייער גוט . אונ האט מיך זייער ליב דאך צו איינע פארטיי האט ניט גיקענט קומען צווישען אונז . ערסטענס וויל מיינע עלטערען האבין ניט גיוואלט טאן מיט אדאקטאר . אונ האבין מיר בעשווארין פאר זייער טויט דאס איך זאל מיך ניט פערהייראטהען מיט קיין אוים געשטודירטען . אונ צווייטענס איז ער איין העכסט קריינקליכער מענטש . זיא האט זיך אין אים פערליבט זייענדיג אויף איינער האכצייט אין איזוואהיל וואס ער איז איין גישטאנען אין דעם זעלבינגען האטעל וואס זיא האט דארט לאזירט . אונ האט גימאכט מיט אים דיא ריקרייזע ביז זיטאמיר אין איינעם עקיפאז . ער בעזוכט זיא אלע נאכט . אונ איז בייא איר איבער איין ווילקאמענער גאסט . קירץ געזאגט זיא האט אים שוין פיל מער אלס איין מאל אנגעטטהעט צו פערהייראטהען זיך מיט איר . זיא האט אים פארגעשפיגעלט

איר

איר פערמעגען . איבער הויפט דיא גרוישע ערבשאפט פון פעטער וואס ערוואַרטעט איר . דען זיא וועט דאך זיין דיא איינציגע ערבין . אונ דיזעס גראַדע האט פיל געהינדערט (געשטערט) צו אירעם צוועק . ניין מיינע ליבע עליזאַבעטע . האט ער זיך צו איר אפ גירופען . פון אַזעלכע גערויבטע געלט וויל איך ניט וויסען . איך וויל אונזער הייזליכען גליק ניט גרינדען אויף בלוטיגע יתומים געלט . בין איך אייך אַנדערס בעליבט וויא איר מיר . אונ מיינט ווירקליך צו פערהייראַטהען זיך מיט מיר מוזט איר פאַרהער אַרויסגעבין (איר דער איינגען וואס איר נאַנצער פערמעגען בעשטייט אין איין הויז וואס איז פערוויהעלט אין אַשוועריין פּראַצעס) . שריפטליך דאס איר אנערקענט איר פאַר איינע גלייכע ערבין אין דעם פעטערס עזבון וויא איר זעלבסט . דען מיר וועלין גענוג האבין אן דעם אויך . אונ בפרט דאס דיזע איינע איז מיר גאַנץ פערוואַנדעט (קרובה). נון וואס טוט מען ניט אויס ליבע . זיא האט עס אים פערשפּראַכען אונ באַלד דארויף מקיים גיוועז האט עס אפ געשריבין פאַרמיילגע אַקטעקירט אונ איינגעלייגט דאס באַלד נאך דער חופּה זאל מען עס אפ געבין מיר אין האַנד . אַלזוי מיין ליבער שמעון פּרץ מעגט איר שוין זיין זיכער . דאס זיא וועט געווען זיין דאס איר זאלט אייך מיט איינער אַנדרען פערהייראַטהען . אונ וועט אייך דיא זעקס טויזענד רובּיל שטראַפגעלט שיינקען פון הערצען . אַלזוי וועט איר שוין אין מינדעסטען קיין געלד פערלוסט האבין . בייא אייער פערהייראַטהען זיך מיט מיר . אונ אין פאַל וועט איר וועט נאך מיין הויז אַרויס רעטירען פון דיא פּראַצעסען וואס זיינען אויף אים וועלען מיר נאך פיל רייכער זיין אַלס דיא עליזאַבעטע :

דאך פערשטייא איך ניט . האט ער זיך אפגערופען צו מיר . וויא פירכטעטע זיא זיך ניט פאַר דיא זעקס טויזענד רובּיל שטראף וואס זיא וועט דאַרפען מיר בעצאַלין אין פאַל





ווען זיא וועט זיך פערהייראַטהען אן מיין ערלויבניס מיט איינעם אַנדערען ? ווייל זיא איז אין דער מיינונג האב איך גיענטפערט דאס וויא איר וועט גיוואר ווערין דאס איר וועט נור נעמען איינע האלבע ערבשאפט וועט איר שוין אַליין ניט וועלען איר נעמען . אונ צווייטענס האט זיא שוין פילייכט ווינט בעקומען (גיוואר גיווארין) דאס איר ליבט זיך אין מיך . אַלזוי ווילין דאך שוין ביידע צדדים לויז ווערען איינער פון דעם אַנדערען . נון צו וואס זאל מען איינער דעם אַנדערען שטראַפירען . דאס הייסט דאך בלויז נעמען אום אוועק צוא געבין . דיזעס אַלס מיין געליבטער האט מיר מיטגעטיילט דער דאקטאר אַלשוויינער זעלבסט . אונ ווען איר ווילט ניט גלויבין קענט איר עס זיך זעלבסט מיט אייערע אייגענע אויגען איבער צייגען . איר קענט אים אַלע נאַכט אויפפּאַסען אונ זעהען וויא ער קומט צו איר אַלע מאל אַרום צוועלף דעם זייגער אונ גייט זיך אַוועק מיט טאג צו גלייך . דאך בייא אַלעם דעם זאלט איר אים אין זינן ניט קומען (ניט צעפּען) דען ער גייט אימער גיוואפענט אונ זאגט בייא דער ערסטע בעליידיגונג וואס ער וועט האבין פון אייך וועט ער אייך מאַכען פאַר איין קריפּעל (קאַליקע) . דאס איבעריגע קענט איר דער גיין פון איר קאַמער מיידכען . זיא וועט אייך שוין אויס זאגין פון פויגעל מילך :

ער האט מיר גיזאגט פאַר דיזער ענטדעקונג אונ האט זיך באַלד איבערצייגט דאס איך האב אים קיינע ליגע גיזאגט ווען ער זעלבסט האט זיך גיזעהען בייא נאַכט אַריין גייענדיג צו דער עליזאַבעטען פערקליידעט אַלס דאקטאר . אונ איך זעלבסט האב אים גיזעהען שטייענדיג אין גרויס פערדרוס אונ געשטומט וויא איין פיש . איך בין אַריין צו דער עליזאַבעטען דאס גיהאט דעם וואַרעכטען עכפּאַנג (אויפנאַהמע) פון איר . אונ אַלס עס איז גיקומען דאס גישפּרעך וועגען דיא זעקס טויזענד רובּיל שטראַפגעלד אונ וואר פון איר גיפרעגט צו האב

איך וואס גיטאן וועגין דעם . צוא האב איך גישפראכען
דאריבער מיט דעם גובערנאטאר . האב איך מיך פון
איינאנדער געלאכט אונ גיזאגט הערען זיא מיינע ליבע עליזאבעטע.
איך ברויך שוין קיין ווארט צו פערלירין דאריבער . איך האב
אייך מיינע גרויסע נייעקייט מיט צוטיילען . איר זאלט וויסען
דאס אייער שמעון פרץ וואס איז איין סורקע אין געלד פראצעסע
איזט ניט בעסער אין זיינע ליבע אינטערעסען . ער האט זיך
פערליבט אין איינע שיינע מיידכען וואס לאזירט אין דעם
האמבורגער האטעל . דיזעס מיידכען איז קיין אנדערע אלס דיא
איינע . זיא איז בליהענד שיין גאנץ געשאפען צו בעצויבערע
איינעם יעדען וואס בלוט אונ פלייש איז . אונ העטע זיא גיוועזע
איינע געזונטע וואלט איך איר שוין לאנג געהייראטהעט . זיא איז
אבער איינע העכסט קרענקליכע . אונ אלס דיזע איינע האט אים
צופעליגער ווייזע (אגב) מיט געטיילט דאס איר (עליזאבעטע)
טרעט איר אפ פרייווילינ איינע האלבע ערבשאפט פון איר
פעטער . האט ער איר אנגעהייבין אנצוטהען דאס זיא זאל
אים הייראטהען נור מיט דער בעדינגונג דאס זיא זאל אים
ציינען פאר דער הויכצייט אייער אקטעקירטע שריפט וואס איר
אנערקענט (פריזנאיעט) איר פאר איינער גלייכע ערבין אין אייער
פעטערס עזבון . אלזו איז שוין פון שטראפגעלטע שוין קיינע ריי
פון ביידע צדדים . דען ביידע ווילין דאך זיך נור מיט אנדערע
פערזאגען זיך פערהייראטהען :

דיזע נאבריכט האט איר אויך ניט ווייניגער ערשיטערט .
אלס דיא פאריגע נאבריכט דעם שמעון פרץ. אונ ביי אלעם דעם
ווארען זייא ביידע העכסט צו פרידען דער פון . נון מיין ליבער
שפראס אזוי האלט עס יעצט מיט מיינער זאכע . איצונד קומט
אן נור דארויף וויא איך זאל ארויס בעקומען פון דער עליזאבעטע
דעם ערווינצטען דאקומענט דאס איך בין איינע גלייכע ערבין
מיט איר . ראטהע ווען דוא קענסט. אונ איך בין בערייט אלעם





צו טאן וואס נור ערלויבט איזט . "יוא ערלויבט . ניט ערלויבט"
האט זיך דער כאזעס שפראס אפגערופען . טרוג מוז געלוינט
ווערען מיט טרוג . זיא האט דיך גיוואלט בעטריגען פערדינט
זיא דאס זיא זאל דאפעלט בעטראגען ווערען פון דיר . אונ דער
ליבער גאט וועט דיר זעלבסט צו הילפע זיין וויא ער וואר אמאל
צו הילף אונזערען פאטער יעקב צו בעטריגען זיינעם שווינער
פאטער (שווער) לבן וויאס האט גיוואלט אים בעטריגען . אונ
אזוי איז ניט צו פערקענען (צו פערלייקענען) דיא געטליכע
הילפע אין דעם ביזהעריגען גאנג (תאר) פון דיזער זאכע .
צוואר מען מוז געשטייהען (מודה זיין) דאס דוא האסט
געשפילט דיין ראלע העכסט מייסטערליך דער ביא . דאך
וואלט דיין מענשליכער פערשטאנד אליין ניט גיוועזן גענוג דער
ביא . דען עס וואר מער אלס הויליער צופאל אן צו טרעפין זיך
אין וועג מיט דער עליזאבעטען . אונ צו זיין דאן פערקליידעט
פאר איין יונגען דאקטאר . אונ נאך הער אריין צו פארען גראדע
אין אזוי איין האטעל וואו עס לאזירט דער שמעון פרץ . עס איז
הענטליך דאס דיזעס איז נור איינע געטליכע לייטונג . אלזוי וועט
ער דיר געוויס ווייטער ביא שטיין . ביא אלעם דעם מוזען
מיר אונז בעראטהען וויא עס צו בעענדען . דען דער אלטער
שפריכווארט זאגט "ענדע גוט אלעס גוט" נור פריער פאר אלץ
דארף קיינער ניט ווישען דאס איך בין דיינער אחתן . איך
פון דא גילטען נור פאר דיינעם איין פערוואנדטען . וואנסט
וועט אלעם זיין פערלארענע מיהע . א דיזעס פערשטייט זיך פון
זעלבסט האט זיא אים גיענטפערט אונ האט דארויף גיהייסען
אריין טראגען אגוטען פריסטיק אונ האבין זיך גיטליך גיטאן אונ
האבין זיך דער ביא גאנץ רייפליך איבער לייגט וויא עס צוא
ענדען אונ האבין עס גליקליך אויס געפירט וויא מיר יועלען
עס בעשרייבען באלד אין דעם לעצטען קאפיטעל :

6.

„ענדע גוט אלעס גוט"

דער שלום דער פון וואר אזוי. דער מאזעס שפראם דער חתן זאל זיך פארשטעלען פאר ביידע צדדים, דאס הייסט פאר דער עליזאבעטען אונ דעם שמעון פרץ אלס נאהענטער פערוואנדטער פון דער אייגע. אונ זאל שפילען די ראלע אלס פערמיטלער צווישען זייא ביידען. דאס הייסט ביי זייגעס ווישען דאס יעדער פון זייא ביידען זייגען שוין פערליבט אין אנדערע פערזאנען. זאלין זייא זיך שוין איינער דער אנדערע ניט שטערען מיט זייערע ליידיגע אפשרייבונג צו בעצאלין שטראף געלט מצד העובר לצד המקיים. אונ דאן אלס ער וועט שוין האבין שריפטליך פון זייא ביידען דאס זייא האבין ניט איינער צו דעם אנדערען. אונ דאן זאל דיא אייגע פארט שפילין דיא ראלע אלס דאקטאר אלשווייגנער. אונ זאל שרייטע (פאסטופאיען) צו דער פערמעהלונג (התונה האבין) מיט דער עליזאבעטע. אויף דיא אביגע (פאריגע) בעדינגונג דאס זיא זאל איין לייגען ביי דעם רב איין אקטעקירטען דאקומענט. דאס זיא אנערקענט דיא אייגע פאר אייגע גלייכע מיט ערבין אין איר פעטערס עזבון. אונ דיזעס זאל איר איבער גיגעבין ווערין באלד נאך דער חופה. אונ אזוי זאל אויך ליתר בטחון איינגעלייגט ווערען ביי דעם רב די ערלויבנים שריפט פון דעם שמעון פרץ דאס ער ערלויבט איר צוא פערהייראטהען זיך אהנע צו בעצאלין דיא שטראפגעלט אונ דאס ער זאל איר ניט אפ געבין ביז דיא אייגע וועט ערהאלטען דעם דוקאמענט דאס זיא איז אייגע גלייכע ערבין מיט איר. דאמיט ער זאל זיכער זיין דאס ער הייראטהעט קיין ארעמעס מיידכען. אזוי וואר געפלאנירט אונ אזוי וואר עס אויסגעפירט אין דער ווירקליכקייט:

אין איניגע טעג ארום האט דיא עליזאבעטע זיך





פערהייראטהעט מיט דער פערשטעלטע אייגע. דער מאזעס שפראם וואר אלס פערמיטלער געלאדען צו דער הויכצייט אונ האט זיך קוים גיקענט אפווערען פון לאכען. אונ באלד נאך דער חופה. האט זיא זיך דיא אייגע אונטער דעם פארוואנד (אוים רייד) דאס זיא מוז בעזוכען דעם גובערנאטאר. דען ער איז פלעצליך אונווואויל גיווארין ארוים גימאכט פון שטוב דאס הייסט (האט זיך אפ גיטראגין) אום ארוים צו בעקומען דעם דוקאמענט פון דעם רב. אונ דאס גלייכען האט דער רב אפ געשיקט דיא ערלויבנים שריפט פון דעם שמעון פרץ צו דער עליזאבעטען. אונ אויף מארגען האט דיא אייגע זיך פערהייראטהעט מיט איר חתן דעם מאזעס שפראם. אונ נאך איז קיינער אזוי בעטראגין גיווארין. אונ צו לייטעשע גילעכטער גימאכט. וויא דיזע ביידע דאס הייסט וויא דיא עליזעבעטע אונ דער שמעון פרץ. עס וואר צוואר איין בעטרוג. אונ דאך האט מען ניט גיקענט איר אנקלאגען. דען עס וואר אלעמען געוואוסט דאס דיא ביידע האבין עס כשר פערדינט. עס וואר דער מיט אויף דיא גאנצע שטאט. עס איז דער מיט פול אלע צייטונגען אונ באלד דארויף געשפילט אין טעאטער:

אזוי ווייט מייגע טייערע לעזערין קען זיך דער מענטש לאזען פערלייטען (פערפיהרען) דורך ליבע אונ דורך געלט אינטערעסע. דאס קען ווערט דורך דעם פעראכט אונ פערלאכט. וויא דער פסוק זאגט אין ירמיה „עושה עושר ולא במשפט כו' אחריתו יהיה נבל" אונ אזוי ווערט אן גירופין דער אמנון וואס האט געגוויטצינט זיין שוועסטער תמר „נבל" וויא עס שטייט אויף אים כאחד הנבלים:

## אין עטוואס איבער דיא שילדקרעטע (צערעפאחע)

ווען אונז מענטשען איז שוין איין מאל פיר אלע מאל (דאס הייסט אויף אימער) ניט פערגעגט (פערגונען) צו קענען אונזערען גרויסען בעשעפער פערזוינליך , אונ דאס קוים קענען מיר אים ווישן אונ פערשטיין נור פון זיינער בריאה (שעפפונג) אלזוי איז דאס רעכט אונ דיא שולדיקייט פון יעדען מענטשען וואס סייגט נוט מיט זיינעם גאט , דאס הייסט אים פירכטען עהרען אונ ליבען , דאס ער זאל בעטראכטען מאנכע ענינים אין דער גאנצע נאטור וואס ער האט געגרינדעט אונ ערהאלטעט מיט זיינער אלמאכט , אויף אזעלכע רעליגיעזע (פרומע) בעמערקונגען מאכען אונז שוין גענוג אויף מערקזאם אלע ספרי קודש , דער חובת הלבבות אין דעם שער בחינות עולם , אונ דער רמב"ם אין זיינעם ספר מורה נבוכים חלק א' פרק ע"ב וואס דא איז ניט דער ארט אלע שטעלען זייערע צוא ציטירען (בריינגען) :

ליידער צו אונזער שאנדע בענוצט קוים איינער פון הונדערט טויזענד דיזעס ערפראבטען מיטעל וואס פירט רעקס (גראדע) דעם מענטשען צו איינער ריינע גאטעס פארכט , אונ דיזעס איז נור אויס מאנגעל אן אזעלכע בעשרייבונגען בייא אונז אידען , בפרט נאך אין זארגאן (אין אידעש טייץ) , אום דיזעס אב צו העלפען , האב איך מיך בעשלאסען דאס אים פאל ווען דער ליבער גאט וועט מיך לעבען שינקען אונ דער צוא נאך קראפט אונ ווילין צו שרייבין ווייטער ערציהלונגען אין זארגאן דאס איך זאל אם שלום פון יעדער געשיכטע איין עטוואס פון גאטעס וואונדער אין זיינער בריאה מיינע לעזערינען מיטטיילען

אונ



ת מאכע איצונד דעם אנפאנג דא מיט דער בעשרייבונג פון דער שילדקרעטע (צערעפאחע) וואס זיא איז אלער וועלט עקאנט , אונ דאך ווייס נימאנד פון אייך צו בעוואונדערען ין איר דיא קונסט אונ דיא וויזהייט פון דעם בורא ברוך הוא :

מיר וועלין דא ניט בעשרייבין איר געשטאלט פון דער שילדקרעטע דען ווער פון אונז האט איר ניט געזעהען , מיר וועלען דא בעשרייבין נור איר נאטור אונ איר לעבענס ארט . ס געפינט זיך אונטער איר דריא אונ דרייסיג גאטונגען (מינים) ליינע וואס זיינען גרויס נור וויא איינע האנדפלעכע ביז דיא רעסע איינעם אקסען וואס וועגען פון אכט ביז ניין הונדערט ונט , אונ זייער שטארק דאס זיא קען זיך גיין איר געוואונליכע אנג , ווען עס שטייען אויף איר אכט מענטשען . דיא קליינע שילדקרעטען וואונען אונ געפינען זיך אין אלע וואסערען דיא רויסע אבער נור אין דעם וועלט מעער דער (אוקינוס) וואס ליגט אונטער דעם ווארעמען שטריך פון הימעל , זייערע ארונג אדער בענאטונג דויערט איינינע וואכען , דאס ווייבכע לייגט אין איינעם יאר מער אלס טויזענד אייער וואס יעדע בעזונדער איז דאפעלט גרויס אלס איינע געוועהנליכע איי , זייא זיינען רונד אונ זיינען איבער צויגען מיט איין פארמענטענע הויט , זייא גינעהרען זיך פון קליינע פיש פון ים געוועקסע , אונ קענען אויס קומען איין גאנצעס יאר אונגעגעסען ווען זייא נור אין איינעם פייכטען ארט זיינען . האבין אין זיך איין שטארקעס לעבען , יעדעס אפ גיהאקטעס גליד פון זייער קערפער דערהאלט איין חיות אין זיך גאנצע פערצען טעג נאך דעם , אויף מאנכע שילד קרעטען געפינען זיך פערשיידענע פיגורין וויא איין קופער שטיך גראווירט אויף זייערע אויבערשטע שאלען , זייער פלייש איז געשמאק וויא גוטע קאלב פלייש אונ ווערט גישפייזט זעלבסט אויף קיניגליכע טישען , אונ איז געזונד איבער הויפט פאר דיא עפטיזישע מענטשען (סוהאטניקעס) . אם מעהרסטען

זנייען

זיינען זייא אין דעם גרויסען פלוס אראנאקא אין זידליכע אמעריקא אונ זיין אלזוי דיא הויפט נאהרונג פון דיא דארטיגע איינוואוינער , עס קאמען אהין דאהער טויזענדע פאמיליען פון דיא אינדיאנער פון ווייטע ערטער אום צוא פאנגען זייא , זייא פערשפייזען זייא פריש אונ געוויאנדעלט , אונ נעמען מיט נאך הויזע גאנצע מיליאנען , טייערער פאר אלץ איז דאס אייל וואס ווערט גימאכט פון זייערע אייער , דען זייא זיינען אזוי פעט דאס עס ווערט גימאכט פון זייא פיינקובענס ניט צו טוענדיג דער צו פוטער , אדער שמאלץ דען זייא פרעגלען זיך אין זייער איינענעם פעט , דיזער געלייטערטער פעט איז פיל דעליקאטער אונ ריינער , גישמאקער אונ פיל געזינטער אלס דער בעסטער פראוואנץ בוימעל :

מיט דעם אייער לייגען זייערע פאסירט זיך גאנץ וואונדערליך באלד וויא דער גרויסער אראנאקא , ציהט זיך צוריק אריין אין זיינע געוואוינליכע ברעגען אונ לאזט פון ביידע זייטען זיינע גרויסע זאמדיגע פלעצע , וואס דיזעס געשיהעט אין פעברואר , גייען ארויס מיליאנען שילדקרעטע פון פלוס אום צו לייגען זייערע אייער אויף דעם זאמד , בעגראבין יעדע איי אין בעזונדער גריבעל וואס זייא מאכען , פון דיא גרויסע אייער קומען ארויס מענכען , פון דיא קלענערע ווייבכען , אונ וויל דיא שילדקרעטע פירכטעט זיך זייער פאר דיא זון דען איהרע היץ איז איר טייטליך , גייען זייא ארויס פון פלוס אום צו לייגען זייערע אייער נור ביי נאכט , אונ ווייל זייא גייען ארויס דאן גרויסע מאסען , מיליאנען , אונ עס ווערט אזוי אנגעדיכטענעס דאס זייא מוזען קריכען איינע איבער דיא אנדערע , אונ פאסטיין ניט אלזוי אויס צו לייגען זייערע אייער אונ צו פערגראבין זייא אין זאמד ביז טאג , אונ מוזען אלזוי פילע פון זייא פערבלייבען דארט אויף דעם זאמד ביז זונגען שיין ווערען פילע פון זייא נעטייטעט , אונ ווארען דאן פערצערט פון דיא ווילדע טהירען





אונ פון רויב פייגלעך , אם מעהרסטען פון דיא טיגערען אונ פון דיא קראקעדעלען , זאנסט וואלט דאס לאנד דארטין פערפעסטעט גיווארין :

עס איז צו בעוואונדערען דאס דיא גריבלעך וואס זייא מאכען אין זאמד אום אריין צו לייגען דיא אייער , זיינען ניט איינע טיפער אונ ניט גרעסער פאר דער אנדערע , אונ אזוי בעדעקען זייא אונ פערשיטען עס מיט איינער גלייכע פארציאן זאמד , זאנסט וואלטען דיא אייער זיך ניט אויס געבריט פון דער זון , אדער זייא וואלטען גאר אויסגיבאקט ווערען , אונ דאמיט קיין רויב טיהר , קיין רויב פייגעל זאל ניט מערקען דאס דא אין דיזעם ארט איז בעהאלטען איין איי פערגלעטען זייא דעם זאמד דאס עס זאל גאר ניט קענטיג זיין קיין שפור דער פון (סלאד) , אונ אזוי פערשארען זייא זייער איינגענעם סלאד ביי זייער צוריק גיין , דיזע תחבולה שיצט נור פון דיא ווילדע טהירע אבער ניט פון דיא מענטשען , דער צו נאך ווערין פילע אייער אויס געשארט פון זייערע גריבלעך דורך אנדערע שילדקרעטען וואס ווילען זייערע אייער דארט בעהאלטען אויס מאנגעל אן פלאץ , דיא היץ פון דר זון ווירקט זייער שטארק אויף דיא אייער דאס אין פערלויף פון דרייא טעג ווערין זייא אויס געבריט , דיא נייע נעבאהרענע זיינען ניט גרעסער אלס איין טאלער , אונ פערלאזען זייערע לעכער ערסט ביי נאכט , זאנסט וואלטען זייא אומגעקומען פון דער זאנגען היצע אונ פון פילע רויב פייגלעך וואס לויערין אויף זייא גאנצע טעג :

עס איז נאך מער צו בעוואונדערען וויא דיזע קליינע פריצען אדער נייא גיבארענע נעהמען דעם קירצעסטען וועג צום פלוס ווען אויך זייערע לעכער מעגען זיין איין פערטעל מייל ווייט פון איהם , קיין מאטעמאטיקער (בעל מדידה) קען שוין ניט ציהען קיינע גלייכערע ליניע פון זייער לאך ביז צו דעם פלוס , עס איז אויס גימאכט דאס ווען אלע אייער וואלטען אויס געבריט

גיוואָרין, אונ דיא אַרויס גיקומענע שילדקרעטען וואָלטען ניט פערשפּייזט גיוואָרין פון דיא דאָרטיגע איינוואוינער אונ פון דיא ווילדע טהירען אונ רויב פייגלעך וואָלט אונמעגליך גיוועזען דאס זעלבסט אקליינע צאָלנע זאָל קענען גיין אויף דעם אָראנאָקאָ וואס ער איז איינער פון דיא גרעסטע שטראָמע וואס זיינען אויף דער וועלט. אַזוי גערעכנט וואָלט גיוואָרין דער וואסער פון זייא צום גליק ווערט דער גרעסטע טייל פון דיא אייער ואויסגינראבּן פון אַנדערע שילדקרעטע אום אַריין צו לייגען דאָרט זייערע אייער, אונ דיא אויס גיגראבּענע ווערין אויס גיבאקן פון דער זון אונ פערצערט פון דיא ווילדע טיהרען, אונ דער צו נאך ווערט דאס מייסט אויפגעזוכט פון דיא אינדיאַנער אום צו מאַכען דער פון אייל :

מיט דער פאַבריקאציאן פון דיזעם אייל גייט אַזוי צוא, פריער ווערין דיא אייער גיוואַשען אונ גערייניגט פון שטויב אונ דאַן ווערען זייא אַריין געשאָטען אין דיא זייערע קאַנאָטען (לאָדקעס) וואס זיינען גימאַכט וויא גרויסע מולטערס אונ גיטראָטען מיט באַרוועשע פיס וויא דיא ווייַנטרויבּין, אונ דאַן ווערט דארויף גיגאָסין וואַסער, אונ מען לאָזט עס שטיין אַגאַנצען טאָג נעגען דיא זון דאַמיט עס זאָל זיך דאס פעט אַרויף קלייבּין אויבּין, אונ אַלס דיזעס איז גישעהען ווערט דאס פעט אָפּגעשעפּט פון אויבּין, אונ אַריין גיטאָן אין גרויסע קעסלען, אונ גיזאָטין אונ נאָכהער לאָזט מען עס אָפּשטיין אונ ווערט גיקלערט דורך זיי טיכער אָדער דורך געדיכטע זיפּען. אונ אַלס עס איזט שוין געהעריג געלייטערט ווערט עס אַריין גיטאָן אין גרוישע לייםענע לאַקען אָדער אין שטיינגוטענע פעסער אונ ווערען פערשיקט אין אַלע לענדער, דיזער אייל איז פיל בעשער וויא שוין גיזאָגט פאַר דעם בעסטען פּראָוואַנץ בויםעל, ער ווערט געבּרויכט צוא דיא שענסטע אונ בעסטע גיבעק. צוא טאָרטין אונ צוא פּאַסטעטען (פּאַפּקעס) נאך מער אין פאַבריקען צו פערשיידענע פאַרבען, אונ





צו שמירען מיט אים דיא אַיידעלסטע ווערקע פון דיא טייערסטע מאַסינערייען, אונ שפּילט אַגרויסע ראָלע אין דער מעדיצין (רפואות) איבּער הויפּט צו לונגען קראַנקהייט :

נון בלייבט אונז איבעריג נאך איין עטוואס צו בעמערקען איבּער זייערע אייער, לא די וואס יעדע פון זייא לייגט בעגאָהע טויזענד אייער אַיאָר גיפינט מען נאך פילע פיל אייער אין איר לייב וואס זיינען פיל קליינער אונ ווייכער אלס וויא האט שוין געלייגט, דיא גרעסערע פון זייא דאַרפען געלייגט ווערען איבער אַיאר, דיא קלענערע איבּער צוויא יאָר, דיא נאך קלענערע איבּער דרייא יאָר אינ גייט עס אַוועק אין פילע גראַדען אַלץ קלענער אונ קלענער דאס מען קען זייא קוים זעהען מיט אַיינער פערגרעסער גלאָז, אונ וואס קלענער איז עס אַלץ פאַר איינעם שפּעטערן יאָר, אונ עס איז בענאָהע נאָר אָהנע ענדע, דאס דער פון איז צו שליסען דאס די שילדקרעטען לעבּין זייער לאַנג :

נון בלייבּט אונז צו שפּרעכען נאך איין עטוואס פון דיא גרוישע שילדקרעטען, דיזע ווערען ניט אַזוי לייכט גיפאַנגען, [illegible]דען זיא וואַרפט גרויסע שטיינער אויף דיא פאַנגער אונ [illegible]ייטעט זייא זייער לייכט אונ דאָהער מוז מען איר קומען פון [illegible]הינטען אונ איבּער קערען איר מיט דראַנגען אויף דעם רוקען, [illegible]דאַן בלייבט זיא ליגען צאַפּלענדיג זיך מיט דיא פיס אונ קען זיך ניט צוריק אומקערין אויף קיינער אַרט אונ ווייזע, פון אירע שאָלען ווערין גימאַכט טויערין צוא פעסטונגען, דיזע גרויסע שילדקרעטע שפּילט אַגרויסע ראָלע אין דעם חינעזישען גלויבּין אונ האָבּין איינע געהיימע לעהרע (סודות התורה) איבּער דיא [illegible]ייכענונגען וואס עס געפינט זיך אויף איר שאָלע, זייא גלויבּין דאס דיא גאַנצע ערד איז גיבויט אויף איינער שילדקרעטע :

איר בלום איז אין בעווערטעס (נעזיסע) מיטעל צו דעם גרעסטען אוים זאץ קרעץ אדער (נגעים) : אין דער זידליכע אמעריקא לעבין פאנאמא איז דא אזוי איין אנשטאלט (זאוועדעגע) וואס ווערין גיבראכט אהין דיזע קראנקע אונ ווערע פון גרונט אוים געהיילט :

דיא הייסט אין העברייעש צב. ווייל זיא זעהט אוים וויא גישטאלט פון אויבין „מלשון וצבתה בטנה„ , אזוי מיינע מייערע לעזערין , אזוי ווייט איז דיא השגחה פון דעם בורא ברוך הוא אויף אזוי אנדערינע בעשעפענעס , אונ לאזט זיך אין איר בשוואנגערין , געשווייגע פשיטא דפשיטא אין גרעסערע בריאים , אונ אזוי איז יעדע בעשעפענעס אין לעבענדיגער בוכשטאב אין זיין ליב ניזאנג :